בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## חַיֵּי שָׂרָה

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**רעדן צום אייבערשטן וואס מען קען נאר; נעמען א ביישפיל פון מוהרא"ש צו רעדן צום אייבערשטן א גאנצן טאג.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וירא, י"ב מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן לכבוד ... **נרו יאיר.**

ווען דו וואלסט ווען געוויסט ווי חשוב דיינע דיבורים צום אייבערשטן זענען - וואלסטו גערעדט צו אים אפילו דו האסט נישט קיין ווערטער וואס צו רעדן.

זאג בלויז דאס ווארט: "טאטע", ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן צו): "אֲפִילּוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר כְּלָל, אֲפִילּוּ כְּשֶׁמְּדַבְּרִין רַק דִּבּוּר אֶחָד, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", אפילו מען האט נישט קיין דיבורים וואס צו רעדן צום אייבערשטן, מען קען נאר זאגן איין ווארט איז דאס אויך זייער חשוב אין הימל; דער אייבערשטער ווארט צו הערן א ווארט פון דיר, אלעס וואס גייט אריבער אויפן מענטש איז נאר אז דער מענטש זאל געבן א שריי: "טאטע".

ווען א מענטש זאל גלייבן מיט א קלארקייט אז דער אייבערשטער איז דא מיט אים, ביי אים און נעבן אים וואלט מען בוודאי גערעדט צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", ווען א מענטש וואלט ווען געוויסט ביי זיך קלאר אז דער אייבערשטער שטייט נעבן אים בשעת ער דאווענט און ער הערט צו יעדעס ווארט וואס ער בעט אים, וואלט ער געדאווענט אזוי ווי עס דארף צו זיין און ער וואלט מכוון געווען יעדעס איינציגע ווארט ווי אזוי ער זאגט עס ארויס.

איינער האט מיר געוויזן פאריגע וואך א חתונה פון דרייסיג יאר צוריק ביי איינער פון תלמידי היכל הקודש וואו מען זעט מוהרא"ש אלץ דער מסדר קידושין, זעט מען דארט ווי ביי די גאנצע חתונה בשעת אלע טאנצן שאקלט זיך מוהרא"ש'ס ליפן אן אויפהער, אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן א גאנצן טאג נאר רעדן צום אייבערשטן (חיי מוהר"ן, סימן תלח).

איך געדענק יארן צוריק האב איך באגלייט מיין זיידע הרה"ג רבי יחזקאל ראטה שליט"א - וואס איך פלעג אים משמש זיין - צו א שבע ברכות וואס מוהרא"ש האט געמאכט פאר אן אייניקל, דאס איז געווען נאך פאר איך בין מקורב געווארן (מיין זיידע איז געווען זייער נאנט מיט מוהרא"ש; מיין זיידע האט געזאגט א דרשה פאר די

אינגעלייט אין יבניאל און זיי מחזק געווען וכו׳ אין א תקופה ווען מוהרא״ש האט נישט געקענט פארן קיין ארץ ישראל), האב איך געזען ווי מוהרא״ש׳ס ליפן שאקלען זיך די גאנצע צייט; דעמאלט האב איך נאך נישט פארשטאנען די זאך אז מען קען זיצן צווישן מענטשן און זיין אפגעזונדערט פון אלעמען, איך האב געמיינט אז מען קען נאר רעדן צום אייבערשטן אין וואלד. מיט דעם אלעם האט דאס געמאכט אויף מיר א שטארקע רושם און געלויבט דעם אייבערשטן אז נאך א שטיק צייט בין איך געקומען קיין היכל הקודש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**אז דער טאטע איז פול מיט אמונה, גייט דאס אריין אויך אין די ווייב און קינדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וירא, י״ב מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן די גוטע בשורה אז אירווארט א שמחה וכו׳ און אז דיין ווייב שפירט זיך שוין אסאך בעסער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלעס זאל אריבער גיין בנקל ובנחת.

איך האף אז דו האסט פארשטאנען פונעם שיעור - פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט - א תירוץ אויף דיין פראגע ווי אזוי מען קען אריין ברענגען אין שטוב - בפרט אין די ווייב - אמונה, אז זי זאל אויך לעבן מיטן אייבערשטן; אז דאס ווענדט זיך אינעם מענטש אליינס. אויב דער מאן איז אנגעפילט מיט אמונה, ער לעבט מיט אמונה, ער רעדט פון אמונה גייט דאס פון זיך אליינס אריין אין די ווייב און קינדער, אבער אז מען איז אליינס א שברי כלי, מען גייט ארום מיט ספיקות און בלבולים אין די אמונה, וועט די גאנצע שטוב ווערן בעצבות און מבולבל, אויף אזא אופן קען מען דאס נישט איבער געבן פאר די ווייב.

דער מאן איז דער קאפ פונעם משפחה און אלעס גייט נאכן קאפ; איז מען זוכה מען האט א צדיק וואס שיינט אריין אמונה, דעמאלט איז דער גאנצער שטוב א געבענטשטע שטוב און אלע הייבן אן לעבן מיט אמונה, ווייל ווי מער מען הערט פונעם
~~~~~~~~~~~

טאטען ווי ער רעדט פונעם אייבערשטן, אלץ מער בויט זיך אויף די אמונה אין די גאנצע שטוב.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דוד המלך זאגט, מיט מיין מויל פארצייל איך פונעם אייבערשטן; אז מען רעדט פון אמונה איז דאס אליינס אמונה און דאס ברענגט מען זאל האבן אמונה. מען דארף שטענדיג רעדן פונעם אייבערשטן, ווען מען קען נאר זאל מען דערמאנען דעם אייבערשטן; מען פרעגט דיר: "ווּעסט קומען היינט נאכט?" ענטפער נישט: "יא", נאר ענטפער: "מיטן אייבערשטנ'ס הילף"; מען פרעגט דיר: "וואס מאכסטו? וואס הערט זיך?" ענטפער: "ברוך השם, געלויבט דעם אייבערשטן".

אז דו ווילסט אריין ברענגען אין שטוב אמונה דארפסטו אליינס האבן אמונה, מען קען נישט איבער געבן אמונה פאר א צווייטן נאר אז דער מענטש גלייבט מיט א קלארקייט אז אלעס איז דער אייבערשטער. מוהרא"ש טייטש מיט דעם פסוק (תהלים כה, ח): "טוֹב וְיָשָׁר ה' עַל כֵּן יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ", ווען א מענטש וויל זיין א 'יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ', ער וויל אריין ברענגען אין מענטשן דעם אייבערשטען, דארף קודם זיין ביי אים 'טוֹב וְיָשָׁר ה'' ער דארף וויסן ביי זיך אז דער אייבערשטער פירט די וועלט בצדק ובמשפט בחסד וברחמים, נאר אזוי קען מען אריין ברענגען אין אידישע קינדער די ריינע אמונה.

אזוי איז אויך מיט קינדער; אז מען וויל די קינדער זאלן לעבן מיט אמונה דארפן די עלטערן זיך איבער געבן צום אייבערשטן, דאן וועלן די קינדער אויך לעבן מיט אמונה. מען זען אז די קינדער זאלן כסדר הערן: **"ברוך השם", "אלעס איז דער אייבערשטער"**; אז עפעס גיסט זיך אויס אדער אז עפעס צעברעכט זיך, זאל מען הערן: **"גם זו לטובה", "וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט"**; ביים שבת טיש דארף מען דערציילן מעשיות פון אמונה, מעשיות פון תפילה, אזוי וועט אריין גיין אין זייער הארץ די ריינע אמונה.

אויף דיין שאלה ווי אזוי מען קען צוקומען צו זיין בשמחה; מען דארף אריין קלערן אין די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש און אים דאנקען אויף יעדן פרט; אז מען איז א איד, אז מען איז געזונט, מען האט א ווייב און קינדער וכו'. דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיר און זיי פריילִיך; קוק די ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט דיר, דו האסט א טייערע ווייב מיט א ליכטיג קינד, דאנק דעם

אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט דיר און וועט נאך טון מיט דיר, וועסטו ווערן פריילך.

עס איז געווען א ברסלב׳ער חסיד מיטן נאמען ר׳ אהרן קובליטשער זכרונו לברכה, ער איז געווען זייער א פרייליכער איד און איז שטענדיג ארום געגאנגען מיט א שמייכל אפילו ער איז געווען א עני ואביון אז עס איז ממש נישט געווען וואס אריין צו נעמען אין מויל ביי אים אין שטוב. זיין ווייב פלעגט אים כסדר פרעגן: ״אהרן, פארוואס ביסטו פרייליך, מיר האבן דאך גארנישט?!״ פלעגט ער איר שטענדיג ענטפערן: ״דו גלייבסט אז עס וועט נאך אמאל זיין גוט? נו, איך בארג אויס שמחה פון דעמאלט אויף יעצט; יעצט טאקע האבן מיר גארנישט, אבער עס וועט נאך גוט זיין און דעמאלט וועלן מיר האבן מיט וואס זיך צו פרייען, דערפאר בארג איך שוין אויס אביסל פון די שמחה פון דעמאלט״.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וירא, י״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

טייערער ליבער..., זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג. אפילו דו פארשטייסט נישט קיין לערנען - זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה; דער רבי האט אונז געגעבן א זיסן ׳סדר דרך הלימוד׳ (כמבואר בשיחות הר״ן, סימן עו) אז אפילו א מענטש פארשטייט נישט וואס ער לערנט זאל ער זאגן די ווערטער; דאס וועט דיר היטן פון אלעם שלעכטס.

מוהרא״ש זאגט: ״כל זמן א איד בלעטערט דפים גמרא, וועט ער בלייבן א איד״; איך ווייס גאנץ גוט וואס דו גייסט אריבער אין די טעג, דו ביסט פאריאגט און פארפלאגט וכו׳ וכו׳, דאך וויל איך דיר מחזק זיין דו זאלסט אריין כאפן א דף גמרא. אז מיר זענען מקורב צום רבי׳ן דארפן מיר פאלגן דעם רבי׳ן; דער רבי שרייבט פאר זיין איידעם (מכתבי רבינו ז״ל בתחלת ספר עלים לתרופה, מכתב ב): ״בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם״; דער רבי וויל פון אונז נאר תורה, תפילה ויראת שמים.
~~~~~~~~~~

אן תורה איז מען ארעם, אן תורה האט מען גארנישט, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכ.) אויפן פסוק (ישעיהו ג, ז) ״וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה״ - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד״, א מענטש וואס לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש, א פרק משניות און א דף גמרא, דער מענטש איז דער גרעסטער ארעמאן; נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (נדרים מא.): ״אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת״, ווער איז אן ארעמאן? דער וואס האט נישט קיין שכל; א מענטש וואס טראכט נישט פון תכלית דער איז אן ארימאן. ווען א מענטש לערנט נישט קיין תורה און טוט נישט קיין מעשים טובים, ווען ער וועט אוועק גיין פון דער וועלט וועט ער זיין ארעם. אין בית החיים נעמט מען נישט מיט קיין געלט מיט קיין הייזער, דארט נעמט מען מיט נאר תורה ומעשים טובים, דערפאר בעט איך דיר זייער אחי היקר..., זע ארייננצוכאפן אביסל תורה יעדן טאג.

יעדעס מאל דו שרייבסט מיר דיינע סיומים ביסטו מיר ממש מחי׳; דאס געבט מיר כח ווייטער אנצוגיין אין ישיבה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי צו לערנען גמרא ווען ס׳דא פארשידענע גירסאות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וירא, י״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד .. נרו יאיר, תלמיד ישיבת תפארת התורה.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו זען ווי פלייסיג דו לערנסט ש״ס כסדרן אויפן ׳סדר דרך הלימוד׳ פונעם הייליגן רבי׳ן. מיר האבן מקבל פון הייליגן רבי׳ן אז ער האט געזאגט: ״ווען מען ענדיגט ש״ס איז מען ממשיך אויף זיך א צלם אלקים״; זאלסטו זען אויסצונוצן דיינע יונגע יארן מיט לערנען און דאווענען, וועסטו זוכה זיין אויס צו וואקסן אן ערליכער איד.

דאס וואס דו פרעגסט אז ווען דו לערנסט און דו זעסט אין די הגהות וציונים אנדערע גרסאות, צי דו זאלסט זאגן די ווערטער ווי עס שטייט אין די גמרא אדער די אנדערע גרסאות; ווען דו ביסט גורס גמרא זאלסטו זאגן אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא און זיך נישט מבלבל זיין פון אנדערע גרסאות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**מ׳דארף נישט געפעלן פאר יענעם.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וירא, י״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**אל מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

די הייליגע חכמים זאגן (ברכות ו): ״כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת, פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְרוּם״, ווען א מענטש לעבט נישט קיין עכטע לעבן נאר אלעס איז געבלאפט פאר א צווייטן דעמאלט ווערט ער ווי א ״כרום״, דאס איז א פייגל וואס בייט אירע קאלירן אפאר מאל א טאג, אזוי אויך א מענטש וואס לעבט פאר א צווייטן דארף כסדר האלטן קאפ ווי אזוי זיך צו בייטן פאר יעדן איינעם, אין אידיש איז דאס אויך א פאר׳קרומ׳טער מענטש; ווען א מענטש לעבט פאר יענעם איז ער פול מיט יסורים.

דאנקט דעם אייבערשטן אז איר האט א וואוילע מאן; ער האט מיר געשיקט בילדער ווי ער מאכט א סיום ביים הייליגן רבינ׳ס ציון. דאנקט דעם אייבערשטן פאר אייערע ליכטיגע קינדער. נעמט אראפ פון אייך די מאסק, הייבט אן רעדן די שפראך וואס איר זענט צוגעוואוינט צו רעדן; בעטס דעם אייבערשטן עס זאל אייך נישט אנגיין וואס מען זאגט אויף אייך.

הצלחה רבה.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי א באלעבאס דארף האנדלען מיט פרויען ארבייטערס.**

בעזרת ה׳ יתברך יום ב׳ פרשת וירא, י״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

נעם אן די דזשאב.

א בעל הבית אדער א מענעדזשער וואס האט אונטער זיך פרויען מעג געבן און דארף געבן קאמפלימענטס אפילו פאר די פרויען וואס ארבעטן פאר אים; מען דארף נאר אכטונג געבן ביי פרויען נישט צו קאמפלימענטירן זיי אליינס נאר געבן א גוט ווארט אויף די ארבעט וואס זיי טוען. למשל מען זאגט: ״מיר זענען זייער צופרידן פון אייער ׳ארבעט׳״, נישט זאגן: ״מיר זענען זייער צופרידן פון ׳דיר׳״.

הצלחה רבה.

...

~~~~~~~~~~

**מיידלעך דארפן זייער אכטונג געבן אויף צניעות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וירא, י״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואיל איז דיר אז דו פירסט זיך בצניעות; איך בין זיכער אז דו האסט שוין געזען די בריוו וואס מוהרא״ש האט געשריבן ממש אפאר שעה פאר ער איז נסתלק געווארן. איך ברענג דיר דא די בריוו דיר מחזק צו זיין נאכאמאל צו זען וואס מוהרא״ש האט געוואלט פון אונז, און אלע מיידלעך וואס לערנען אין די סקול וואס מוהרא״ש האט אויפגעשטעלט זאלן וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

**שָׁלוֹם רַב צוּ אַלֶע טֵייעֶרֶע פְּרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**

אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין צְנִיעוּת. קוּקְט וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן צוּם סוֹף, אוּן נֶעמְט אַייךְ פָּאר צוּ זַיין צְנִיעוּת׳דִיג, אוּן מִיט דֶעם וֶועט אִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַּאר מִיר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעהִיטְן מַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דִי אַלֶע וֶועלְכֶע הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, זָאל אַייךְ אוֹיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַז אִיר זָאלְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַּאר דֶעם, אוּן וָואס אִיר וֶועט בֶּעטְן בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה.**

ווען מען ליינט די בריוו זעט מען וואס איז געליגן פאר מוהרא״ש אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן; עס איז אים ממש געגאנגען אין לעבן אז אלע פרויען זאלן זיך פירן בצניעות. מוהרא״ש האט זיך שוין נישט געקענט רירן, ער האט געהייסן מען זאל אים ברענגען דעם אינגערמאן וואס פלעגט טייפן די בריוו, מוהרא״ש האט גערעדט און יענער האט געטייפט דריי בריוו, איינס פאר אלע מענער, און נאכדעם פאר בחורים און פאר די פרויען.

הויזן איז א פריצות פאר א מיידל, נישט קיין חילוק ווען וואס און וואו. הויזן איז פאר א מאן; אפילו בשעת׳ן מאכן עקסערזייז זאלסטו נישט אנטון קיין הויזן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**דאס שעדליכקייט פון ליצנות, און פארקערט - די מעלה פון א גוטער חבר.**

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וירא, י"ד מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן לכבוד ... נרו יאיר.**

וויסן זאלסטו טייערער..., אז יעדע מענטש קען מען אויסהיילן פון זיינע פראבלעמען - אויסער דער וואס איז פול מיט ליצנות.

רבינו הקדוש האט אנגעזאגט זיינע קינדער (פסחים קיב:): "אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב", איר זאלט נישט וואוינען אין די שטאט שכנציב, ווייל זיי זענען זייער גרויסע לצים און איר וועט ווערן נאכגעשלעפט נאך זיי; זעט מען פון דעם ווי הארב ליצנות איז, ווי ווייט א מענטש דארף אכטונג געבן וואו ער וואוינט און מיט וועם ער חבר'ט זיך וכו' וכו'.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קיט:): "הַמְבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם אֵין לוֹ רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ", ווער עס איז מבזה א תלמיד חכם האט נישט קיין רפואה פאר זיין מכה; פשוט פשט מיינט דאס אז ער וועט באקומען א שטראף און ער וועט נישט האבן קיין רפואה אויף דעם שטראף. אבער עס איז נאך מער פון דעם; ווען א מענטש זינדיגט האט ער נאך א תקנה, ער גייט צום צדיק און דער צדיק לערנט אים א וועג ווי אזוי ער קען ארויס קריכן פון זיין בלאטע. אבער אז דער מענטש מאכט ליצנות פונעם ערליכן איד און ער שפעט אפ פון צדיקים, דאן קען אים קיינער נישט ארויס נעמען פון זיין צרה.

מוהרא"ש האט דערציילט א מעשה וואס דער הייליגער בן איש חי זכותו יגן עלינו האט דערציילט: עס איז געווען א איד וואס האט געליטן פון אויגן ווייטאג, איז ער געגאנגען צו א דאקטער ער זאל אים אויסהיילן אבער דער דאקטער האט אים אינגאנצן בלינד געמאכט השם ישמרינו. דער דאקטער האט דאך מורא געהאט אז ער וועט גיין פארציילן פאר אלעמען אז ער האט אים בלינד געמאכט האט ער אים געזאגט: "איך האב א וועג ווי אזוי איך קען דיר אויסהיילן", און ער האט אים געגעבן פארשידענע טראפן דורך וואס ער האט אים אויך טויב געמאכט, אזוי וועט מען קיינמאל נישט קענען דערגיין וואס דא האט פאסירט און קיינער וועט אים נישט קענען פארהאלטן אויף וואס ער האט געטון. וכך הוה, דער איד איז אהיים געקומען און ער הייבט אן שרייען און וויינען צו זיין משפחה אז ער זעט נישט ווייל איינער האט אים בלינד געמאכט, האט מען אים געפרעגט: "ווער האט דיר שלעכטס געטון?" אבער דער איד האט נישט געהערט וואס מען פרעגט אים און האט נישט געקענט ענטפערן פאר קיינעם.
~~~~~~~~~~

דאס טוט דער יצר הרע, קודם מאכט ער בלינד דעם מענטש דורך דעם וואס ער ווייזט אים שמוציגע בילדער, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ח.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דער יצר הרע כאפט אריין א מענטש אין זיין נעץ דורך דעם וואס ער מאכט אים קוקן שמוציגע מאוויס, שמוציגע קליפס, דורכדעם פאלט ער אריין אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, אבער דער מענטש האט נאך א תקנה, ער קען גיין צום צדיק ער זאל אים אויסהיילן; וואס טוט דער יצר הרע? ער לייגט אים אריין טראפן אין די אויערן, דער מענטש הערט ליצנות אויפן צדיק, אזוי קען ער שוין נישט הערן די גוטע עצות וואס דער צדיק עצה'ט אים.

איך בעט דיר מיין טייערער..., אנטלויף פון חברים וואס שפעטן אפ פון צדיקים און לאז אפ די וואס מאכן ווערטלעך אויף ערליכע אידן, בפרט אויב מען רעדט אויף דער וואס האט דיר ארויס געשלעפט פון דיינע שלעכטע מעשים - אנטלויף פון דעם ווייל דאס איז סכנת נפשות, דו וועסט נישט האבן מער קיין געפיל אין די דיבורים וכו'.

איך האב דיר שוין דערציילט וואס איך האב געהאט איין יאר פורים, א אינגערמאן האט זיך אויסגעווייינט צו מיר בשעת ער איז געווען גוט אנגעטרונקען און ער האט געשריגן: "איך קען שוין נישט הערן קיין דרשות פון דיר ווייל איינער האט צו מיר גערעדט אנטקעגן דיר און די דרשות גייט נישט אריין אין מיינע אויערן".

בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט האבן גוטע חברים; א גוטער חבר איז זייער א וויכטיגע זאך. מיט א גוטע חבר קען מען זייער מצליח זיין אין לעבן און פארקערט אויך, מיט א שלעכטע חבר קען מען זייער ווייט פארקריכן. אז דיין חבר שרייבט דיר ניבול פה און שיקט דיר נישט שיינע זאכן קענסטו ווייטער נישט זיין מיט אים א חבר, און אז דו וועסט אים נישט אפלאזן וועסטו אנקומען זייער ווייט רחמנא לצלן; געדענק איך האב דיר מזהיר געווען אויף דעם.

איך בעט פאר דיר יעדן טאג.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון זאגן תהילים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וירא, י"ד מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך געב דיר א מתנה דעם 'ספר תהילים', זע צו זאגן יעדן טאג אביסל תהילים; אלע ישועות ליגן אין תהילים און ווער עס זאגט תהילים ווערט זיין אמונה געשטארקט.
~~~~~~~~~~~

עס ליגט א גרויסע קדושה אין די ווערטער פון תהילים און ווען מען זאגט תהילים איז אזוי ווי דוד המלך האט דאס געזאגט.

מוהרא"ש האט דערציילט, א איד איז געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו בעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, ער האט דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "דאס איז דער תהילים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט זיך יעדן טאג אויסוויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער"; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון זאגן תהילים, מען איז זוכה צו האבן קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט.

וואויל איז דעם מענטש וואס פירט זיך בתמימות ופשיטות, ער טרינקט אפאר קאפיטלעך תהילים יעדן טאג (שיחות הר"ן, סימן כג); וועט אים גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

...

~~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן נישט צו שפילן די לאטערי; דאס שעדליכקייט פון ליגן אין געלט; די גרויסע שמחה מיט די שידוך פונעם פערטן תלמיד פון די עלסטע כתה ביים גרינדונג פונעם תלמוד תורה; די בזיונות און רדיפות וואס מען איז דורך אין די ערשטע יארן פון מוסד; די סכנה פון זיין אן אלטער מקורב; זיך שטענדיג אויפפרישן צו ווערן מקורב פונדאסניי.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וירא, ט"ו מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן **לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האף אז דו קויפסט נישט די לאטערי; געב אכטונג פון דעם שפיל, דער רבי האט אונז אנגעזאגט מיר זאל נישט שפילן די לאטערי.

רבי נתן זכרונו לברכה ברענגט, ער האט געהערט פון אנשי שלומינו אז דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רפד): דער יצר הרע מאכט אמאל איינעם רייך דורך עפעס א וועג וכו' און מען מאכט א גאנצע עסק פון דעם, יעדער רעדט פון דעם און מען איז אים מקנא, אבער דאס איז אלעס א שפיל צו פארדרייען דעם קאפ פון די מענטשן. דער רבי פירט אויס די שיחה מיט די ווערטער: "דער אייבערשטער זאל אונז אלע אפהיטן מיר זאלן נישט פארדרייט ווערן פון דעם".
~~~~~~~~~~~

מען קען כמעט נישט רעדן מיט מענטשן, אלע שמועסן באשטייט פון איין זאך - געלט געלט און נאכאמאל געלט, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כג): "רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה - הַיְנוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן", רוב וועלט איז נעבעך געכאפט אין תאוות ממון, "וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמֵמִית אוֹתָם", מען כאפט נישט אז די געלט הרג'עט דעם מענטש. וואס איז די עצה? דער רבי זאגט נישט דא קיין עצה ארויס צו קריכן פון די תאווה, "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה, כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", נאר דורך דער צדיק; אז מען איז אביסל טועם פון הייליגן רבי'ן טראכט מען שוין נישט אזוי סאך פון געלט.

דאס אלעס שרייב איך דיר ווייל די גאנצע שמועס יעצט דרייט זיך ארום דעם לאטערי, ווי גרויס און היסטאריש דער לאטערי איז, און מען טראכט אויך אז אפשר וועט מען געוואונען דעם לאטערי, מען פארגעסט אז דער אייבערשטער איז דער זן ומפרנס לכל און פרנסה האט מען נאר אז דער אייבערשטער געבט, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ב.) די שליסל פון פרנסה איז נאר אין די הענט פונעם אייבערשטן; קיינער קען נישט געבן פרנסה פארן מענטש נאר דער אייבערשטער אליינס.

ביי מיר איז זייער א גרויסע שמחה אז נאך א בחור איז א חתן געווארן למזל טוב; יעדע שידוך איז ביי מיר א שמחה אבער די שמחה יעצט איז פילפאכיג מער, ווייל דער חתן איז געווען פון די פיר עלסטע קינדער מיט וועם מיר האבן געעפנט די תלמוד תורה.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מיר זענען אריבער ביים עפענען די חדר, וויפיל בלוט איז פארגאסן געווארן ביים עפענען דעם חדר. די עלטערן פון די וואס האבן געשיקט דא די קינדער האבן געוויינט און געשריגן אז עס איז נישט קיין נארמאלע זאך צו נעמען נארמאלע קינדער און זיי אריין לייגן אין א מוסד וואס האט נישט קיין הענט און קיין פוס; קינדער פון אפאר עידזשעס זאלן זיצן צוזאמען וכו'. ווען דער באס פלעגט זיך אפשטעלן אויפנעמען די קינדער האבן אלע שכנים געקוקט אויף אונז מיט רחמנות בליקן, און מיר זענען געווען די פארשעמטע. היינט ווען מיר זעען וואס איז אויסגעוואקסן פון די תלמידים פון אונזער חדר, מיר האבן שוין היינט מלמדים תלמידים פון חדר וואס זיי לייגן אריין אין די קינדער אמונה ויראת שמים מיט די הקדמות פון הייליגן רבי'ן, דאנקען מיר דעם אייבערשטן: "עד הנה עזרינו רחמיך ולא עזבינו חסדיך", און מיר בעטן אויף ווייטער: "ואל תטשנו לנצח", מיר זאלן ווייטער מצליח זיין מיט אלע תלמידים ותלמידות, אלע זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן און אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות לשם ולתורתו.

אז איך זאל דיר דערציילן וואס מיר זענען אריבער ווען מיר האבן געעפענט די חדר וואלסטו מיר ניטאמאל געגלייבט - ובעיקר פון אנשי שלומינו; די מחלוקת וואס איך בין אריבער פון אינדרויסן האט מיר נישט אזוי צעבראכן ווי די מחלוקת וואס איך האב געהאט פון אנשי שלומינו, ווי זיי האבן געלאכט פון מיר ווען איך האב געעפנט די ישיבה. קיינער פון אנשי שלומינו האבן נישט געשיקט די קינדער אין די ישיבה, נאר די פאר חברים וואס זענען געשטאנען מיט מיר.

נאר מוהרא"ש האט מיר מחזק געווען; איך האב פארמאכט מיינע אויגן און מיינע אויערן און געטון וואס מוהרא"ש האט מיר געזאגט צו טון, מער פון דעם איז מיר נישט אנגעגאנגען און עס גייט מיר נאך אלץ נישט אן, איך טו ווייטער וואס מוהרא"ש האט מיר געזאגט.

געלויבט דעם אייבערשטן אז די ישיבה גייט אן ביתר שאת וביתר עוז; דער איצטיגער זמן האט זיך אנגעהויבן מיט א פרישקייט, עס זענען אריין געקומען פרישע מקורבים. זיי ווייסן נישט קיין שום פאליטיק, עס אינטערעסירט זיי גארנישט, נאר איין זאך: "פאלגן דעם הייליגן רבי'ן". זיי הערן מיט דארשט יעדע דיבור פון רבי'ן, דער רבי לעבט ביי זיי, זיי זענען פול מיט חיות.

יעדעס מאל עס קומען פרישע בחורים און פרישע אינגעלייט שטופ איך אריין מיין קאפ צווישן זיי ווייל איך וויל אויך זיין פריש; איך ציטער פון איין זאך: פון זיין אן אלטע ברסלב'ער חסיד, דאס איז די גרעסטע סכנה אין מיינע אויגן. ווען מען ווייסט שוין אלעס, מען קען אלע שיחות און מען איז טויט, אויפגעגעבן, לאכעדיג און פארוואלוולט.

דאס האב איך אינזין יעדעס מאל ביים זאגן תהילים און איך קום אן צום פסוק (תהלים עא, ט): "אַל תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה כִּכְלוֹת כֹּחִי אַל תַּעַזְבֵנִי", איך בעט: "הייליגער באשעפער, מאך מיר נישט אלט; איך וויל זיין א פרישער מקורב, איך וויל לעבן מיטן רבי'ן, איך וויל זיך מחי' זיין מיט יעדע שיחה פון רבי'ן, איך וויל נישט זיין אויסגעלאשן".

יארן צוריק איז ארויף געקומען א בחור'ל, ער איז פערצופאל אריין געפאלן דא צו שלש סעודות און ער האט געהערט א דרשה וואס ער האט אין זיין לעבן נישט געהערט, גלייך מוצאי שבת האט ער גענומען א משניות און אנגעהויבן צו טון וואס ער האט געהערט - ער האט געזאגט ח"י פרקים, ער האט אנגעהויבן צו קומען יעדן טאג ביז ער איז אריין געקומען אין ישיבה. האט ער מיר דעמאלט פארציילט אז ער האט אראפגעשריבן זיינע הרגשים וואס ער האט געפילט און יענע מינוטן, האב איך אים

געפרעגט: "פארוואס פעלט דיר דאס אויס?" האט ער מיר געזאגט כהאי לישנא: "איך ווייס אז עס גייט אריבער גיין א שטיק צייט און איך גיי זיין מסודר דא אין 'היכל הקודש', איך גיי שוין נישט זיין אזוי איבעראשט וכו', עס גייט ווערן א חלק פון מיין לעבן, וויל איך דעמאלט געדענקען ווי אזוי איך האב געטראכט און ווי אזוי איך האב אויסגעזען פאר איך בין געקומען צום רבי'ן און דאס וועט מיר באנייען".

דאס זעלבע זאג איך דיר טייערער..., געב זיך א דערמאן ווי אזוי דו האסט אויסגעזען פאר דו האסט געטראפן די ישיבה פון רבי'ן; געב זיך א שטעל אפ און קלער: 'ווי אזוי האב איך געלעבט פאר איך האב געטראפן דעם רבי'ן?' וועסטו שוין נישט זיין אזוי לאכעדיג, וואלוולדיג און אלט.

שלמה המלך רופט אן דעם יצר הרע (קהלת ד, יג): "מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל" - אן אלטער נארישער קעניג, וואס איז דער פשט פון דעם טיטל: "מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל?" זאגט מוהרא"ש, ווייל זיין גאנצע ארבעט איז אריין צו ווארפן דעם מענטש אין א זקנה, דער מענטש זאל טראכטן: 'איך בין שוין אלט, פון מיר וועט שוין גארנישט זיין', אבער ווען א מענטש באנייט זיך כסדר, ער האלט זיך אין איין אויפפרישן, דורכדעם רייסט ער אויס דעם יצר הרע וואס וויל אים נאר אלט מאכן.

ברודער טייערער, מיר האבן א רבי וואס לערנט אונז אויס אן עצה ארויס צו גיין פון אלע בלבולים. די עצה איז בחנם און עס איז גרינג צו פראקטיצירן, דאס איז די עצה פון 'רעדן צום אייבערשטן'; זיך דורך שמועסן מיטן אייבערשטן, פרעגן דעם אייבערשטן פאר מען טוט עפעס צי מען טוט גוט, יעדע זאך וואס גייט אריבער זאל מען אויסשמועסן מיטן אייבערשטן. אז מען האט ספיקות אין לעבן זאל מען זיך ווענדן צום אייבערשטן, נאכאמאל און נאכאמאל, נישט אפלאזן דעם אייבערשטן; ווען מען געוואוינט זיך צו דאס צו טון דארף מען שוין קיינעם נישט. מען לעבט א חיים טובים, מען איז רואיג און צופרידן, מען ווייסט און מען גלייבט אז מען איז אין די הענט פונעם אייבערשטן.

טייערער הארציגער ברודער: באניי זיך און הייב אן פונדאסניי; גיי אין א זייט וואו קיינער איז נישט דארט און שמועס מיטן אייבערשטן, זאג אים דיינע ספיקות, זאג אים דיינע בלבולים און פרעג אים וואס צו טון.

איך האב נאך אסאך אויף מיין הארץ וואס איך וויל דיר שרייבן, אבער איך דארף אהיים לויפן צו מיין ווייב און קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס חשיבות פון הפצה - יעדער קען דאס באווייזן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת וירא, ט"ז מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט עוסק זיין יעדן טאג אביסל אין הפצה; היינט צוטאגס דארף מען זיך נישט שעמען צו גיין 'הפצה'. מענטשן זענען זייער צעבראכן, יעדער איינערווארט אויף אביסל חיזוק, יעדער וויל הערן עפעס א פאזיטיווער ווארט. ווען דו געבסט פאר איינעם א ספר, א קונטרס, א גליון אדער א סידי וכדומה האסטו אים פשוט געגעבן לעבן.

בפרט פאר בחורים און מיידלעך וואס זיי זענען די מערסטע צעבראכן; קיינער פארשטייט זיי נישט און קיינער קוקט נישט אויף זיי. זיי גייען אריבער זייער שווערע און ביטערע נסיונות און פאלן אראפ אין די ביטערע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, וואס די עבירה מאכט דעם מענטש זייער צעבראכן ביז מען הייבט אן טראכן מחשבות פון זיך נעמען דאס לעבן השם ישמרינו, און מיט א ספר, קונטרס אדער סידי וכו' ראטעוועט מען זיי דאס לעבן.

א מפיץ איז פונקט ווי אן הצלה מאן; אלע ווייסן דאס גרויסקייט פון א הצלה מאן וואס געבט זיך אוועק זיין לעבן צו ראטעווען א צווייטנס לעבן, ער געבט אוועק זיין צייט, געלט, עסן און שלאפן - אבי צו ראטעווען א איד, נאך אסאך מער חשוב'ער איז א מפיץ; ער געבט אוועק זיין לעבן, זיין נאמען וכו', אבי נאך א איד זאל האבן א לעבן, נאך א איד זאל וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, נאך א איד זאל האבן שלום בית, און ער גייט פארשפרייטן אמונה ביי אידישע קינדער.

איך זאג שטענדיג פאר מיינע תלמידים: אז דו גייסט אריבער צרות און דו זוכסט א צדיק וואס קען מבטל זיין די גזירות רעות זאלסטו נעמען א ברכה פון א מפיץ. ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן כד): "הַמַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה, זוֹכֶה וְיוֹשֵׁב בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַטֵּל הַגְּזֵרָה בִּשְׁבִילוֹ", א מענטש וואס ברענגט צוריק אידישע קינדער צום אייבערשטן איז זוכה צו זיצן אויבן אין הימל אין די ישיבה פונעם אייבערשטן און אין זיין זכות איז דער אייבערשטער מבטל אלע שלעכטע גזירות.

איך ווייס אז דו האסט נישט קיין צייט און דו קומסט ניטאמאל אן צו טון דיינע אייגענע געברויכן; דו ביסט פאריאגט מיט ברענגען פרנסה פאר דיין שטוב, דאך
~~~~~~~~~~~

זאלסטו אלץ האלטן ביי דיר אפאר ספרים, קונטרסים, גליונות און סידי׳ס וכדומה און אינמיטן ארבעטן ווען דו טרעפסט א צווייטע איד זיי אים מקבל פנים בסבר פנים יפות, זאג אים: "ר׳ איד, דא האט איר א שיינעם ספר וואס וועט אייך פריילך מאכן", און אז יענער נעמט דאס פרעג אים צי ער האט עפעס פאר צדקה. שעם זיך נישט, קוק וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין לז.): "כָּל הַמְקַיֵּים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא"; דאס איז בגשמיות, כל שכן ברוחניות - אז מען ברענגט צוריק א מענטש וואס איז שוין אינגאנצן מיואש ביי זיך און מען שיינט אריין אין אים אז ער האט נאך א תקוה און א האפענונג איז דאך זיכער כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא.

דער אהבת ישראל זכותו יגן עלינו פלעגט זאגן: "וואס איז דער סימן אז א מענטש האט ליב דעם טאטן? אז מען האט ליב זיינע קינדער"; דאס זעלבע איז ביים אייבערשטן, יעדער שרייט: "הייליגער באשעפער, מיר האבן דיר זייער ליב", ווי אזוי ווייסט מען טאקע אז דער מענטש האט ליב דעם אייבערשטן? ווען מען זעט אז מען טוט פאר דעם אייבערשטנ׳ס קינדער, מען גייט הפצה, עס גייט אין לעבן אז נאך א איד זאל האבן א לעבן, פאר נאך א איד זאל גיין גוט - דאס איז א סימן אז מען האט טאקע ליב דעם אייבערשטן.

היינט נאכט וועט אם ירצה ה׳ פארקומען די וועכנטליכע שיעור; איך וויל זייער שטארק דו זאלסט קומען צייטליך צום שיעור. ביי אונז אז מען זאגט א צייט איז עס פונקטליך, בפרט ווען אינגעלייט שלעפן זיך אריין פון מאנרא און פון מאנסי קען מען נישט ענדיגן שפעט. דעריבער איז דער שיעור פונקטליך פון ניין ביז צען אזייגער. די שיעור וועט אם ירצה ה׳ זיין וועכנטליך ליל שישי; אזוי קומט דאס אויס גרינגער פאר אלעמען ווייל דער סדר היום ווערט נישט צעשטערט אנהייב וואך.

געב איבער פאר דיין ווייב תחי׳ אז אם ירצה ה׳ קומענדיגע וואך מיטוואך נאכט וועט פארקומען די חודש׳ליכער שיעור.

איך לויף אריין צו די בחורים, א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**נישט אונטערדרוקן און אנשרעקן די ווייב אויף קיין שום פאל, בפרט אז מען זאל איר לאזן זיך אויסרעדן צום מורה דרך/רב/דיין ווען עס מאכן זיך פראבלעמען אין שטוב.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת וירא, י״ז מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האף אז דו אונטערדרוקסט נישט דיין ווייב תחי׳; עס טוט מיר זייער וויי ווען ווייבלעך רופן מיר אן זיך אויסצורעדן זייער הארץ וכו׳ און זאגן איבער צענדליגער מאל בשעת׳ן זיך אויסרעדן: ״דער ראש ישיבה זאל נישט זאגן פאר מיין מאן אז איך האב גערופן, ווייל ער האט מיר געווארנט איך זאל נישט רופן״; אסאך מאל ווייזן זיי זיך אויס אויף שווערע פראבלעמען וואס דער פראבלעם אליינס איז נישט בעצם אזא פראבלעם ווי דאס אז מען סטראשעט די ווייב זי זאל נישט רופן בעטן אן עצה, דאס איז א זאך וואס טוט זייער וויי. עס טוט מיר מער וויי צו הערן די פחד וואס די פרוי האט פון איר מאן, ווי צו הערן וואס זי רעדט זיך אפ אויפן מאן.

זאל א מענטש אראפפאלן אין די ערגסטע מעשים רחמנא לצלן, אויב וויל ער זיך העלפן, ער קומט צו זיין מורה דרך זאל אים העלפן און געבן אן עצה וכו׳ ווי אזוי ער זאל אנהאלטן זיין שטוב, זיין ווייב זאל אים נישט אוועק גיין - קען מען אים העלפן, אבער אז דער מענטש וויל זיך נישט העלפן דאס איז א גרויסע ווייטאג און עס קען צו ברענגען צו וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין ז.): ״לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ״, א מענטש זאל קיינמאל נישט ווארפן א פחד אין זיין שטוב, ווייל מען זעט ביי די מעשה פון פלגש בגבעה וואו עס זענען גע׳הרג׳ט געווארן צענדליגער טויזנטער אידן און אלעס האט זיך אנגעפאנגען ווייל דער מאן האט דערשראקן זיין ווייב און פון פחד איז זי אנטלאפן פון אים, ביז עס איז ארויס געקומען די שרעקליכע מלחמות צווישן די אידן, עיין שם.

איך וויל זיך אויסשמועסן מיין הארץ מיט דיר טייערער..., ווען מען זוכט א שידוך איז די וויכטיגסטע זאך צו קוקן אויב דער בחור האט א רבי וועם ער פרעגט זיינע שאלות און ספיקות, אזוי אז אויב די פרוי וועט האבן עפעס זאכן וואס באדערט איר זאל זי האבן צו וועם צו גיין עס דורכשמועסן אזוי ארום וועט מען זיך קענען אויסקומען. און אויב זיי וועלן האבן פארקערטע מיינונגען אין ספעציפישע שאלות ווי אזוי זיך צו פירן, זאלן זיי האבן וועמען עס זאל זיי פותר זיין די ספיקות און קווענקעלנישן. אבער זייער אסאך מאל שטעלט זיך ארויס אז דער אינגערמאן האט טאקע א פלאץ וואו ער דריידט

זיך און וואו ער באלאנגט, דאך ווארפט ער אן אימה ופחד אויף זיין ווייב. אנשטאט שטארקן זיין ווייב און איר זאגן: "גיי צו מיין רב", "גיי רעדט צו מיין דיין", "אז דו האסט עפעס וואס שטערט דיר אויף מיר און דו ביסט באקוועם צו רעדן נישט אין פארנט פון מיר, גיי אליינס אן מיר"; איר צו געבן דעם געפיל אז 'איך בין דא צו האבן מיט דיר א גוט לעבן', אנשטאט איר צו מחזק זיין לייגט מען א פחד אין שטוב אויף די ווייב, וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין שם): "כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת: גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת", ווער עס לייגט א פחד אין שטוב וועט צום סוף צוקומען צו 'גילוי עריות', 'שפיכות דמים' און 'חילול שבת'.

דער אייבערשטער זאל אפהיטן צו וואס מען קען צוקומען ווען מען ווארפט א פחד אויף די ווייב; די גמרא פארציילט (גיטין שם) עס איז געווען א מענטש וואס האט געווארפן א גרויסע פחד אויף זיינע משרתים און דאס האט צוגעברענגט אז מען האט אים מכשיל געווען מיט אבר מן החי, ווייל זיי האבן פארלוירן די כשר'ע פלייש וואס מען האט אים געדארפט ברענגען און זיי האבן זייער מורא געהאט אז ער וועט שרייען אויף זיי: "וואו איז די פלייש?!" האבן זיי אראפ געשניטן א שטיקל פלייש פון א לעבעדיגע בהמה און דאס האבן זיי אים געברענגט צו עסן. דאס זעלבע זאגן חכמינו זכרונם לברכה (גיטין שם) אז אויב מען לייגט א פחד אויף די ווייב וועט זי נאכדעם מחלל שבת זיין; ווייל אז זי וועט זען אז די עסן קאכט נישט וועט זי מורא האבן פון איר מאן און זי וועט גרעסער מאכן די פייער, וכדומה לזה.

איך האב זוכה געווען צו מאכן אסאך שידוכים פאר תלמידים פון ישיבה און איך פרוביר יעדן איינציגן טאג צו מאכן נאך שידוכים, און איך וועל ווייטער פרובירן יעדן טאג ווי לאנג איך לעב צו מאכן שידוכים פאר בחורים און מיידלעך, בפרט אז מען מאכט א שידוך פאר א בחור וואס לעבט מיטן רבי'ן און א מיידל וואס וויל נאר א בחור וואס האט א געפיל אין רבי'ן - דאס איז דאך די שענסטע זאך, צו לעבן מאן און ווייב מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן ווי מוהרא"ש האט אונז דאס איבערגעגעבן, אבער ווען איך הער ווי פרויען האבן א פחד פונעם מאן טראכט איך צו מיר: 'פארוואס זאל דער אינגערמאן זיך נישט פרייען אז זיין ווייב האט א פלאץ וואו מען וועט איר אויסהערן, מחזק זיין און העלפן ווייטער לעבן בשלום?!'

וואס האסטו מורא אז דיין ווייב וועט קומען בעטן אן עצה ווי אזוי זי קען דיר העלפן, אדער בעטן אז מען זאל דיר געבן חיזוק זאלסט נישט לויפן צו דיינע חברים?! וואס האסטו מורא אז דיין ראש ישיבה וועט דיר מחזק זיין נאכאמאל ביי א שיעור און זאגן: "חברים איז א דמיון", "חברים איז א ליגנט", "די אלע וועם דו לויפסט נאך און

דו חנפ׳סט זיך צו זיי, מאכן א געשפעט פון דיר אונטער דיין רוקן", וואלסט זיך געדארפט פרייען אז דיין ווייב האט צו וועם צו רעדן.

איך פרעג דיר: אז דיין ווייב האט זאכן וואס דרוקט איר און דו לאזט איר נישט קומען רעדן צו דיין מורה דרך, פארוועם דען זאל זי דאס דערציילן - פאר איר מאמע? אירע שוועסטערס? אירע חבר׳טעס? פארוועם? פאר איינעם דארף זי עס דערציילן, מען קען נישט האלטן ווייטאג ביי זיך, עס קען שאטן פאר די געזונט; אז עס טוט איר וויי אז דו האסט א סמארט-פאון אן א פילטער, וואס דארף זי טון? זיך איינעסן מיט דעם? אז עס טוט איר וויי די וועג ווי אזוי דו רעדסט צו איר, זאל זי בלייבן שלינגען? אז זי קען נישט דורכטראגן אז דו קומסט נישט אהיים צייטליך און דו פארברענגסט מיט יעדן איינעם חוץ פון זיין אין שטוב, זאל זי דאס האלטן אין זיך ביז אירע נערוון וועלן פלאצן?!

א קלוגע מענטש וואלט מחזק געווען זיין ווייב און איר געטראגן צו איינעם זי זאל פארציילן וואס דרוקט איר. ווען איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש האב איך זיך געפריידט אז מיין ווייב האט וועם צו רופן אויב שטערט איר עפעס פון מיר, איך האב געווארט אז מוהרא"ש זאל מיר זאגן ווי אזוי זיך צו פירן; פארוואס דען בין איך געקומען צו מוהרא"ש, ער זאל שמייכלען צו מיר און מיר לאזן גיין אויף א קרומע וועג? ניין! איך בין געקומען ער זאל מיר צוריק שטעלן אויפן גראדן וועג, ער זאל מיר אויסלערנען וואס דער עיקר איז אין לעבן, אויף וואס איך זאל זיך קאנצעטרירן אין מיין לעבן.

איין סיבה קען איך טראכטן פארוואס מען וויל נישט די ווייב זאל גיין זיך אויסרעדן וכו׳ - ווייל מען איז פול מיט ליצנות; אזוי זאגט שלמה המלך (משלי טו, יב): "לֹא יֶאֱהַב לֵץ הוֹכֵחַ לוֹ", א לץ האט נישט ליב ווען מען זאגט אים וואס צו טון, ער וויל נישט הערן קיין מוסר, דערפאר: "אֶל חֲכָמִים לֹא יֵלֵךְ", גייט ער נישט צו א קלוגע מענטש זאל אים זאגן וואס ער האט צו טון.

איך בעט דיר מיין טייערער תלמיד ..., וויפיל האב איך זיך אוועק געגעבן פאר דיר; דערמאן זיך ווער עס האט געמאכט דיין שידוך, דערמאן זיך ווי אזוי דו וואלסט אויסגעזען ווען נישט די ישיבה. זאג פאר דיין ווייב: "טייערע ווייב, מיר האבן זאכן אויף וואס מיר זענען נישט פאראייניגט, לאמיר זיך אויסשמועסן ביי אן ערליכער איד"; על כל פנים נישט סטראשען און חוזק מאכן.

עס טוט מיר וויי צו הערן אז ביי מיר זאלן זיך געפונען אינגעלייט וואס מאכן חוזק פון די ווייב; אח און וויי וואס פאר אן עונש מען באקומט נאכדעם, חכמינו זכרונם

לברכה זאגן (בבא מציעא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה", א מענטש זאל זייער אכטונג געבן נישט צו טשעפען זיין ווייב, ווייל זי וויינט זייער שנעל; דאס האט מוהרא"ש כסדר גערעדט, און דאס איז פון די יסודות אין "היכל הקודש".

ווען נישט וואס איך וויל נישט עס זאל זיך ענדיגן מיט א גט וואלט איך שוין פון לאנג אוועק געשיקט אזעלכע אינגעלייט פון היכל הקודש, איך בין נאר אין א פארגעלעגנהייט, ווייל אז איך וועל דיר זאגן און פארהאלטן: "היתכן אזוי רעדט מען צו א ווייב?!" וועסטו אהיים גיין און איר טשעפען: "בעבי, האסט גערעדט צו דער ראש ישיבה?" פון דער אנדערע זייט, אויב זאג איך נישט ווערט מיר דאס הארץ אויפגעגעסן פון צער צו זען ווי אידישע קינדער וויינען און לעבן פארשקלאפט און פארקנעכטעט פאר די מענער.

דערפאר בעט איך דיר, געב אכטונג אויף די כבוד פון דיין ווייב, און אז דו קענסט זיך דאס נישט פארנעמען זוך דיר א צווייטע פלאץ; דא איז נישט קיין הפקר פלאץ, מיר האבן שוין גענוג געליטן און מיר ליידן נאך עד היום פון די שלעכטע נאמען וואס עס איז דא אויף ברסלב, כאילו ביי אונז הערשט הפקירות; די ברסלב'ע לאזן איבער די פרויען ראש השנה וכו', די ברסלב'ע העלפן נישט אין שטוב וכו'; אלעס קומט נאר פון די אספסוף וכו' וואס האבן זיך צוגעטשעפעט צו ברסלב און נאכדעם זאגט מען אז דאס איז ברסלב.

וויפיל דארף מען וויינען צום אייבערשטן מיר זאלן זיך נישט נארן; דער רבי האט אונז געבעטן (שיחות הר"ן, סימן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; ווייל ווען מען זינדיגט, מען היט זיך נישט די אויגן ווערט דער מח פארדרייט און מען פארשטייט נישט וואס מען האט צו טון, ווער רעדט נאך פון פארשטיין די ווערטער פון צדיקים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לו): "זֶה הוּא כְּלָל גָּדוֹל, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם אָדָם לְהַשִּׂיג וְלִתְפֹּס בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק", דאס איז דער כלל, מען קען נישט נישט פארשטיין די ווערטער פון א צדיק, "אִם לֹא שֶׁתִּקֵּן תְּחִלָּה אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי", נאר אויב מען האט שוין מתקן געווען אלעס וואס מען האט פוגם געווען אין פגם הברית, "וַאֲזַי יָכוֹל לְהָבִין וְלִתְפֹּס דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק", נאר אזוי קען מען פארשטיין די ווערטער פון א צדיק, ווייל דער זוהר הקדוש זאגט (עיין פרשת משפטים, קי): "סְלוּקָא דִּיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אז מען איז פוגם בברית - מען איז פוגם ביסוד, גייט דער פגם ביזן מח; מען פארלירט דעם צוגאנג ווי אזוי צו טראכטן, "כְּשֶׁתִּקֵּן אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי, אֲזַי

הַמֹּחִין שֶׁלּוֹ בִּשְׁלֵמוּת", און אז מען פארערכט אלעס דעמאלט ווערט דער מח צוריק גאנץ, "וְיָכוֹל לְהָבִין דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק. כְּפִי הַתִּקּוּן שֶׁל כָּל אֶחָד, כָּךְ הוּא הַשָּׂגָתוֹ", דעמאלט קען מען פארשטיין די ווערטער פון א צדיק.

פרעגט רבי נתן (ליקוטי הלכות קריאת שמע, הלכה ד', אות ב'): ווער קען זאגן אז ער האט מתקן געווען? קומט אויס אז קיינער קען נישט פארשטיין די ווערטער פונעם צדיק? זאגט רבי נתן: "בֶּאֱמֶת עִיקַּר הָעֵצָה לְכָל זֶה הוּא הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, לְהַאֲמִין בּוֹ יִתְבָּרַךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת גְּמוּרָה שֶׁאֵין בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל", די עצה איז אמונה, אז א מענטש זאל גלייבן אינעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות אז עס איז נישט דא גארנישט אויף דער וועלט אויסער דעם אייבערשטן, דאס איז מטהר דעם מענטש פון אלע זיינע פגמים. דאס איז וואס דער רבי זאגט (שם) אז ווען א מענטש זעט אז עס איז זיך אויף אים מתגבר תאוות ניאוף זאל ער זאגן די צוויי פסוקים, "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", און "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד"; ווייל ווען מען חזר'ט די אמונה - דאס איז די עצה ארויס צו קריכן פון דעם און דאס טוען די צדיקים, זיי לאזן זיך אראפ צו אונז און שמועסן מיט אונז, ביז זיי ברענגען אריין אין אונז די ריינע אמונה אינעם אייבערשטן, אזוי ווערט אונזער מח ריין פון עבירות.

איז דאך זיכער אז מען קען נישט זאגן אין שטוב אויף זיכער אז מען איז גערעכט ווען מען האט נישט קיין מח צו וויסן וואס גוט איז; דערפאר, אז מען האט חלוקי דיעות פארוואס זאל מען זיך נישט דורכשמועסן מיט אן ערליכער איד וואס זוכט נאר דאס גוטס פונעם פאר-פאלק און פון זייער עתיד.

איך האב דיר נאך אסאך צו שרייבן, אבער איך בין זייער אויסגעמאטערט, מיין טאטע שליט"א האט נעכטן נאכט חתונה געמאכט און איך דארף אהיים לויפן העלפן מיין ווייב אנגרייטן דעם שבת.

די פאר ווערטער האב איך דיר געמוזט שרייבן פאר שבת ווייל עס טוט מיר וויי צו הערן פון א כלי שלישי, אז ער האט געהערט פון זיין ווייב וואס זיין ווייב האט דאס געהערט פון א חבר'טע וואס די חבר'טע האט דערציילט אז א פרוי האט זיך אויסגערעדט צו איר וואס זי ליידט אלץ פון איר מאן, האט יענע פרוי געפרעגט משיח לפי תומה: "פארוואס גייט איר נישט צו אייער ראש ישיבה, ער רעדט דאך אלץ פון שלום בית, ער האט זיכער א גוטע עצה וכו'?" זאגט די ווייבל: "מיין מאן ווארנט מיר אז אויב איך רוף די ראש ישיבה וועט ער מיר שלעכטס טון און לאכן פון מיר אז איך בין א בעבי ווייל איך רוף אויף יעדע קלייניקייט".

דער זמן ווערט שוין נעענטער און נעענטער מען דארף שוין לויפן אין מקוה און זיך גרייטן פאר שבת.

איך וואונטש דיר א פרייליכע שבת.

...

~~~~~~~~~~

**ביי אונז אין סקול איז צניעות א זאך וואס איז ארויפגעקוקט.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת וירא, י"ז מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיר די אלע שיינע זאכן וואס טוט זיך אין סקול; די מיידלעך לעבן באחדות, עס הערשט נישט קיין אנגעצויגנקייט צווישן די מיידלעך ווער עס קען זיין שענער אנגעטון, נאר מיידלעך קומען מיט געניצטע קליידער. מען שעמט זיך נישט צו קומען אין סקול מיט א מאנטל וואס מען האט באקומען בירושה פון א צווייטן און מען זוכט נישט צו געפעלן מיט די קליידער פאר א צווייטן.

נאך מער פריי איך מיר צו הערן אז אלע מיידלעך שפילן זיך אינאיינעם; עס פאסט פאר א מיידל צו גיין און קומען מיט אן אנדערע מיידל אפילו זי איז יונגער וכו' און מען שפילט מיט אלעמען אינאיינעם.

דו שרייבסט מיר: "ביי אונז אין סקול איז צניעות א זאך וואס איז ארויפגעקוקט"; מיט דעם האסטו מיר געגעבן לעבן. ווייל איך וויל זייער שטארק אויפשטעלן א קהילה וואס פירט זיך בצניעות, אז די פרויען און מיידלעך זאלן נישט אנקוקן צניעות ווי א קנס אדער א שטראף וכו' נאר קוקן אויף צניעות ווי א שיינע זאך, אן איידעלע זאך און א חשוב'ע זאך. די געפיל צו צניעות זאל זיין אז יעדעס מאל מען האט א ספק אויף צניעות זאל מען זיך אליינס פסק'נען לחומרה; צום ביישפיל אויב מען האט א ספק אויף א קלייד צי עס איז א משהו קורץ אדער נישט, זאל מען אליינס מחליט זיין אז מען טוט עס נישט אן; אזוי אויך ביי יעדע זאך.

איך שרייב דיר א שרעקעדיגע זאך וואס מוהרא"ש שרייבט אין א בריוו פאר אלע פרויען (יום ג' לסדר וארא, כ"ב טבת, ה'תשע"ה): "וַאֲנִי מְאֹד מְאֹד מְבַקֵּשׁ אוֹתָךְ שֶׁתִּתְחַזְּקִי יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת", איך בעט דיר זייער דו זאלסט אכטונג געבן אויף צניעות, "כִּי זֶה הַמִּשְׁמָר שֶׁלָּנוּ שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת נְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל מִכָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים",
~~~~~~~~~~

ווייל ווען מען פירט זיך בצניעות ווערט מען אפגעהיטן פון אלע ביטערע מחלות - השם ישמרינו, "וַאֲנִי תּוֹלֶה אֶת מַחֲלַת אִשְׁתִּי תְּחִיֶ' [עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם] מִפְּנֵי שֶׁלֹּא עוֹרַרְתִּי אוֹתָךְ יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיְנֵי צְנִיעוּת", איך האלט אז דאס וואס מיין ווייב איז קראנק געווארן מיט די ביטערע מחלה השם ישמרינו קומט מיר ווייל איך האב דיר נישט גענוג מעורר געווען אויף צניעות.

ווען איך האב געליינט דעם בריוו האט מיר געגעבן א ציטער אין מיינעביינער. איך האב געטראכט צו מיר: 'ווער האט נאך אזוי סאך מעורר געווען אויף צניעות ווי מוהרא"ש?' ווער עס לערנט אין 'אשר בנחל' די בריוו וואס מוהרא"ש שרייבט פאר אנשי שלומינו און פאר די ווייבער, זעט מען כאטש איין מאל א וואך ווי מוהרא"ש איז מעורר אויף צניעות, מיט דעם אלעם שרייבט מוהרא"ש אז מען דארף נאך מער רעדן פון דעם; דעריבער אז דו שרייבסט מיר אז ביי אייך אין קלאס ביי די עלצטע כתה איז צניעות א חשוב'ע זאך פריי איך מיר זייער.

ווייז די בריוו פאר אלע מיידלעך פון דיין קלאס; זאלן זיי וויסן וואס מוהרא"ש האט געוואלט און וואס איז חשוב ביים אייבערשטן.

...

~~~~~~~~~~~

**א טובה פאר א איד, זיך היטן פון שלעכטע גוים.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת וירא, י"ז מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו האלסט מיט די לימודים אין סקול, דו שרייבסט מיר אז מען האט געלערנט די וואך וועגן דאס גרויסקייט פון טון א טובה פאר א צווייטע איד, אז דאס איז גרעסער פון קבלת פני השכינה; דאס איז די גרעסטע זאך ביים אייבערשטן: צו טון א טובה פאר א צווייטן איד.

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "א נשמה קומט אראפ אויף די וועלט און עס גייט אריבער אויף איר וואס עס גייט אריבער, אבער אלעס לוינט זיך אבי א טובה צו טון פאר א צווייטן איד".

גיי נישט מער אין די געשעפט וואו די גוים רעדן צו דיר און שמייכלען צו דיר רחמנא לצלן; וויסן זאלסטו אז מען דארף אוועק שטיין פון גוים, בפרט די ביליגע גוים
~~~~~~~~~~~

וואס ארבעטן אין די גראסעריס, זיי זענען זייער געמיינע מענטשן און זוכן ווי זיי קענען פארכאפן א מיידל; קודם רעדט ער שיינע ווערטער און נאכדעם וועט ער דיר הרג׳נען. זאלסט זיין אפן מיט דיין מאמע תחי׳, ווען זי הייסט דיר גיין אין די גראסערי וואו דער גוי שמייכלט און רעדט צו דיר אויף די שפראך וואס דו פארשטייסט, זאלסטו זאגן: ״מאמע איך קען נישט גיין דארט ווייל גוים זוכן מיר צו טשעפען״.

זיי אפן מיט דיין טיטשער מרת ... תחי׳; זי וועט דיר העלפן דו זאלסט זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

איך פריי מיר זייער אז דו זאגסט תהילים; נאך אביסל וועסטו טרעפן א גוטע שידוך.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## קען מען יוצא זיין לימוד שלחן ערוך, מיט'ן לערנען ליקוטי הלכות?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געליינט אין א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א ווי וויכטיג ס'איז צו לערנען יעדן טאג שלחן ערוך. איך האב נישט קיין שיעור אין שלחן ערוך, איך האב אבער יא זייער ליב צו לערנען יעדן טאג ליקוטי הלכות פון רבי נתן ז"ל, איז דאס גענוג, אדער דארף איך אויך לערנען געהעריג שלחן ערוך? ווייל מיין צייט איז זייער באגרעניצט.

יישר כח, משה

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וירא, י״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד משה נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ליקוטי הלכות און שלחן ערוך זענען צוויי באזונדערע זאכן; ליקוטי הלכות האט רבי נתן זכרונו לברכה געשריבן אויפן באפעל פון רבי׳ן, דאס באשטייט פון חיזוק און עצות פאר יעדן איד אויף וואספארא מצב ער געפונט זיך. שלחן ערוך איז דער תמצית פון תורה שבעל פה, דער גאנצער איד איז אנגעהאנגען אינעם שלחן ערוך.

דערפאר האט דער רבי זייער מקפיד געווען אז יעדער איד זאל לערנען יעדן טאג שלחן ערוך, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן כט): ״כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר״, יעדער איד איז מחויב צו לערנען יעדן טאג הלכות, ״וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף ״שֻׁלְחָן עָרוּךְ״ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ״, אויב מען האט נישט קיין צייט וכו׳ זאל מען לערנען א הלכה, אפילו נישט כסדרן וואו מען האלט וכו׳, ״כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּ״שֻׁלְחָן עָרוּךְ״ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו״, ווייל מען איז מחויב צו לערנען יעדן טאג הלכה.

ווי לאנג מיינסטו נעמט צו לערנען הלכה? דער רבי האט געזאגט פאר ר׳ נתן: ״מעט גם כן טוב״, אביסל איז אויך גוט; זע צו פאלגן דעם רבי׳ן, מאך דיר א שיעור יעדן טאג צו לערנען הלכה.

מוהרא"ש זאגט מען זאל האלטן אינעם טלית בייטל א קליינעם שולחן ערוך און יעדן טאג זאל מען לערנען מיט די רבינו תם'ס תפילין לכל הפחות איין הלכה, אזוי קומט אויס אז מען לערנט יעדן איינציגן טאג הלכה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**דער רבי ציעט ארויס ביי די פיאות פון גיהנום, ווי אזוי ציעט ער ארויס א פרוי?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

דער רבי זאגט אז ווער ס'וועט זאגן תיקון הכללי וועט ער אים ארויסציען ביי די פאות פון גהינום, וואס טוט זיך מיט פרויען און מיידלעך, וועלכע האבן נישט קיין פאות, ווי אזוי וועט דער רבי זיי ארויסשלעפן?

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וירא, י"ג מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**אל מרת ... תחי'.**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רכה) אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון, ער וועט זאגן דעם תיקון הכללי, די צען קאפיטלעך תהילים [קאפיטל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ] און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות, אפילו ער האט געטון די הארבסטע עבירות: "וועל איך מיר לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט אים א טובה צו טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויס נעמען פון שואל תחתית".

די הבטחה פון רבי'ן אז ער וועט ארויס שלעפן ביי די פיאות פון שאול תחתית - איז סיי פאר מענער און סיי פאר פרויען; דער רבי איז א מתנה פאר אלע אידן - זאל זיין ווער זאל נאר זיין, אז מען קומט קיין אומאן וועט דער רבי מתקן זיין.

דאס וואס איר פרעגט אז פרויען האבן דאך נישט קיין פיאות; וועל איך אייך דערציילן א מעשה וואס מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט. ווען ער האט זוכה געווען צו פארן דעם ערשטן מאל קיין אומאן שנת תשכ"ו זענען זיי געווען אין עירפארט אין מאסקאווע מיט נאך אנשי שלומינו, זיי האבן דארט געטראפן א שרייבער א גרויסער אפיקורס, אן איידעם פון 'שלום עליכם' וועלכער איז אויך געווען א גרויסער מין און
~~~~~~~~~~

אפיקורס; ווען ער האט געזען די גרופע אידן אנשי שלומינו האט ער געפרעגט: ״פון וואו קומט איר און וואו פארט איר?״ האט אים איינער געענטפערט: ״מיר פארן צום רבי׳ן קיין אומאן״, און האט אים פארגעשלאגן ער זאל מיט קומען קיין אומאן אזוי וועט ער אויך האבן א תיקון, האט ער זיך אנגערופן מיט שפאס און געזאגט: ״איך האב דאך נישט קיין פיאות, פון וואו וועט מיר דער רבי ארויסשלעפן?!״ האט אים דער ברסלב׳ער איד געענטפערט: ״אויערן האסטו יא? אויב קומסטו מיט אונז קיין אומאן זאג איך דיר צו אז דער רבי וועט דיר ארויס שלעפן ביי די אויערן״.

וואויל איז דעם מענטש וואס לייגט אוועק אלע חכמות און דמיונות און פאלגט דעם הייליגן רבי׳ן, וועט ער זוכה זיין אלעס צו פארריכטן.

...

~~~~~~~~~~~

**מעג איך איבערזאגן א שיינע גמרא פאר מיין ווייב?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

ווען איך לערן א שיין שטיקל גמרא, א שיינע סברא אדער א שיינע אגדתא, מעג איך עס איבערזאגן פאר מיין ווייב? וואס מעג א פרוי לערנען און וואס נישט?

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וירא, י״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

**אין שלחן ערוך ווערט גע׳פסק׳נט** (יורה דעה סימן רמו, סעיף ו)**: כאטשיג אויב א פרוי וועט לערנען תורה וועט זי באקומען שכר דערויף, דאך זאלן פרויען נישט לערנען קיין תורה. חכמינו הקדושים האבן געזאגט** (סוטה כא:)**: כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בִּתּוֹ תּוֹרָה, כְּאִלּוּ מְלַמְּדָהּ תִּפְלוּת, ווער עס לערנט מיט זיין טאכטער תורה איז אזוי ווי ער לערנט מיט איר צו טון עבירות, זאגט די רמ״א: ״וּמִכָּל מָקוֹם חַיֶּבֶת הָאִשָּׁה לִלְמֹד דִּינִים הַשַּׁיָּכִים לְאִשָּׁה״, אבער אלע הלכות וואס זענען שייך ביי פרויען דאס דארף מען יא לערנען מיט זיי, עיין שם.**

**דאס איז געזאגט געווארן צו לערנען מיט זיי וכו׳, אבער אגדות חז״ל און מוסר דאס איז יא גוט זיי זאלן לערנען און דאס האבן זיך אלע ערליכע פרויען געפירט צו**
~~~~~~~~~~~

לערנען, אזוי ווי דער הייליגער חפץ חיים שרייבט אין א בריוו: ״בְּדוֹרוֹת הַקּוֹדְמִים הָיָה לְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל מָסוֹרֶת אָבוֹת וְאִמָּהוֹת לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַדָּת וְלִקְרוֹת בְּסֵפֶר ׳צְאֶינָה וּרְאֶינָה׳ בְּכָל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ״, אין די פריערדיגע דורות פלעגן די פרויען לערנען יעדן שבת דעם ספר צאינה וראינה - די פרשה דערציילט על פי חז״ל.

דעריבער איז זייער א גוטע זאך אז יעדעס מאל ווען דו לערנסט און די טרעפסט א שיינע מעשה אין די גמרא זאלסטו דאס דערציילן פאר דיין ווייב און קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**מעג איך הערן די שיעורים אין בית הכסא, ווען איך האב נישט קיין אויסוועג?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור און איך בין זיך מחיה מיט די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, אין זכות פון די שיעורים האב איך זוכה געווען די פארגאנגענע יאר צום ערשטן מאל מעביר סדרה צו זיין יעדע וואך און איך האב שוין געענדיגט איין מאל משניות.

מיין פראבלעם איז אבער אז סיי מיין ישיבה און סיי מיין משפחה האלטן נישט פון ברסלב, איך מוז זיך באהאלטן ווען איך הער די דרשות, איז מיין שאלה אויב איך מעג הערן די דרשות אין א ריינע בית הכסא?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וירא, י״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו לערנסט תורה בהתמדה רבה; דו ביסט מעביר סדרה יעדן טאג שנים מקרא ואחד תרגום, אויך האסטו זוכה געווען צו מסיים זיין די ערשטע מאל אין דיין לעבן ׳ששה סדרי משנה׳. דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זוכה זיין צו טרעפן בקרוב דיין שידוך און אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

נישט דיין ישיבה און נישט דיין משפחה זענען מתנגדים אויף ברסלב; זיי ווייסן פשוט נישט וואס ברסלב איז. ווען זיי וואלטן געוויסט וואס איז ברסלב׳ע חסידות, נישט
~~~~~~~~~~~

נאר זיי וואלטן נישט גערעדט אויף ברסלב נאר זיי וואלטן אלע געקומען צום רבי'ן מיט די קינדער.

יעדער איז ..... ליידער ליידן מיר זייער שטארק פון דעם אנשיקעניש וואס רופט זיך: "נַ נַח"; מענטשן מיינען אז דאס איז ברסלב און דאס מאכט אז מענטשן זאלן נישט לאזן זייערע קינדער קומען צום רבי'ן, און ווען עלטערן דערוויסן זיך אז זייער קינד האט שייכות מיט ברסלב וכו' רודפ'ט מען דאס קינד, מען טיילט אפ משפחות איינער פון צווייטן, מען קומט נישט צו די קינדערס שמחות וכו' וכו', דאס אלעס קומט אלץ רעזולטאט פון דעם וואס מען מיינט אז ברסלב איז א צעווילדעוועטע זאך, א פלאץ פון מופקרים וכו'.

די מחלוקת אויף ברסלב איז נישט קיין נייע זאך; אויפן הייליגן רבי'ן אליינס איז שוין אויך געוועזן מחלוקת. ווען עס האט זיך אנגעהויבן די מחלוקת האט דעמאלט דער רבי געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קפב): "מען קריגט נישט אויף מיר, זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם, איך קריג אויך אויף דעם מענטש, - אויף אזא מענטש וואס טוט אזעלכע זאכן וואס טויגן נישט קריג איך אויך"; מענטשן ווייסן נישט וואס ברסלב איז. מען מיינט אז דאס איז א פלאץ פון משוגעים, א פלאץ פון עזות פנימ'ער. דאס מאכט אז יעדער קלוגער טאטע און מאמע זאלן נישט מסכים זיין אז זייער קינד זאל זיך דרייען אויף א פלאץ פון עזות פנימ'ער, וואס באמת האט דאס נישט צוטון מיט ברסלב, ווייל איבעראל זענען דא עזות פנימ'ער.

דו זיי ממשיך מיטן לערנען פלייסיג אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן און נוץ אויס דיינע יונגע יארן, ווייל די תורה וואס מען לערנט אין די יונגע יארן בלייבט אויף א גאנץ לעבן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ד, כ): "הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמַה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְּתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ". און דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן עג): "הָעַבְדוּת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יעדן טאג עבודת השם אין די יונגע יארן איז חשוב'ער פון עטליכע יארן עבודת השם אויף דער עלטער; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", די שענסטע תקופה אינעם לעבן פונעם מענטש זענען זיינע יונגע יארן.

דער עיקר זאלסטו זיך צוגעוואוינען צו זאגן אסאך פרקים משניות; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה, פרשה ז): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות בזכות לימוד משניות, סיי די גאולה בכלליות וועט זיין בזכות משניות און אזוי אויך יעדער איינער קען זוכה זיין ארויס צו גיין פון זיין אייגענע גלות אין זכות וואס ער לערנט משניות.

מען קען זיך גארנישט פארשטעלן וואסערע כח משניות האט און וואס עס טוט פארן מענטש; מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען (תהלים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", דאס איז ראשי תיבות 'משנ"ה'; אז א מענטש זאגט משניות נעמט עס אים ארויס פון שאול תחתית.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**איך בין נישט געגנוג צופרידן פון מיין ווייב, איז דא אויף דעם אן עצה?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב זיך געוואלט דורכרעדן מיט אייך אן ערנסטע נושא אין וואס איך דארף הילף. איך האב שוין חתונה געהאט פאר א שיינע פאר יאר, איך האב ב"ה א ווואילע גוטע ווייב און מיר האבן א גוטע שלום בית, איך שפיר אבער אז איך בין נישט גענוג צופרידן מיט איר.

שוין פון אלס קינד האב איך געזען נישט אויסגעהאלטענע מאוויס, ס'איז נישט געווען מיין שולד אבער פאקטיש איז עס אזוי געווען, דאס האט מיר געשלעפט צו זען און טראכטן פון שלעכטע זאכן, און איך שפיר אז מיין ווייב קען מיר נישט גענוג באפרידיגן. זי איז בכלל נישט שלעכט, אבער זי איז זייער פארעווע, און איך שפיר אז דאס איז נישט גענוג פאר מיר.

איך האב קיינמאל נישט גערעדט אפן צו מיין ווייב איבער דעם, ווייל איך גלויב נישט אז זי וועט מיר פארשטיין, און איך גלויב נישט אז זי וועט זיך טוישן צוליב דעם. ב"ה אז איך האב נישט געזוכט קיין גליקן אין די פרעמד, איך וויל נישט רואינירן מיין לעבן, אבער איך מוז טרעפן א וועג ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן אין מיין מצב.

איך האף אז איר וועט זיין דער ריכטיגער שליח מיר ארויסצוהעלפן בעצה ותושיה.

א גרויסן יישר כח, ישראל

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וירא, י"ג מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ישראל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז מען קוקט עקלדיגע מאוויס רחמנא לצלן ווערט דער מח זייער פארדרייט און טראכט שוין נישט ווי עס דארף צו טראכטן; אפגערעדט אז מען ווייסט נישט ווי אזוי זיך צו פירן אין שטוב מיט א ווייב און קינדער, אפילו מיט זיך אליינס קען מען זיך נישט
~~~~~~~~~~~

אן עצה געבן, איין עצה איז דא, פאלגן דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער בתמימות ופשיטות.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך", וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס, אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ווען דער רבי האט געזאגט דעם שמועס, האט ר' נתן געפרעגט דעם רבי'ן (חיי מוהר"ן, סימן תקעג): "צי תורה קען אויך העלפן אזא איינעם וואס איז אראפ געפאלן אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה, רחמנא לצלן?" האט דער רבי געשריגן אויף אים און געזאגט: "דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז? תורה איז העכער פון אלעס, אפילו א מענטש וואס וואיקט זיך אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה, רחמנא לצלן".

דערפאר בעט איך דיר זייער, נעם א משניות און הייב אן לערנען משניות. לערן איין פרק נאכן צווייטן; אין אנהייב וועסטו נישט פארשטיין וואס דו לערנסט ווייל פון אזוי פיל מאל זינדיגן אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית פארלירט מען דעם מח. אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (עיין פרשת משפטים, קי): "סְלוּקָא דִּיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אז מען איז פוגם בברית - מען איז פוגם ביסוד, גייט דער פגם ביזן מח; מען פארלירט דעם כח פון זיך קענען קאנצעטרירן וכו'. אבער אז מען לערנט אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו) אז אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען ווייטער זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה; דורכדעם איז מען זוכה אז מען הערט אויף צו טון עבירות און מען רייסט זיך ארויס פון די קליפות.

איך זאג דיר נאכאמאל: "קיינער קען דיר נישט העלפן, נאר דו אליינס"; אויב דו וועסט נעמען דעם רבינ'ס ווערטער און עס מקיים זיין, דו וועסט זאגן משניות אפילו אן פארשטיין, וועסטו ארויס קריכן פון דיין שרעקליכן פלאנטער אין וואס דו ביסט אריין געפאלן. כל שכן אז דו וועסט זאגן יעדן טאג ח"י פרקים משניות, חַ"י חַ"י הוּא יוֹדֵעַ כָּמוּנִי הַיּוֹם - וועסטו זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד.

אז דו וועסט לערנען די הייליגע תורה וועט דיין ווייב האבן ביי דיר אלע חן פון די וועלט; נישטא קיין שום פלאץ וואו צו טרעפן גליקן - ווי דו רופסט עס, מען קען טרעפן אומגליקן רחמנא לצלן, ווייל אז מען טוט עבירות ווערט מען אומגליקליך. דיין גליק ליגט אין דיין שטוב; דיין ווייב - זי איז דיין גליק, עס איז א שאד אז דיין גלעזער איז דיר אזוי פארשמירט אז דו קענסט איר נישט זען, דיינע אויגן זענען פארשמירט און פארקלעפט און אלס רעזולטאט מיינסטו אז עס איז דא בעסערס, פוץ אויס דיין גלעזער וועסטו זען ווי דיין ווייב האט פאר דיר אלע חן פון די וועלט.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס טוט מען אז איך וויל געבן וואקסינען און מיין ווייב וויל נישט?**

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געהערט א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א איבער די וויכטיגקייט צו געבן וואקסינען פאר די קינדער, ספעציעל יעצט ווען ס'איז דא אן אויסברוך פון מיזעלס ה' ירחם. אזוי ווי איך בין אין די פעלד פון דאקטעריי, פארשטיי איך און איך ווייס אויך די קריטיש וויכטיגקייט פון דעם, מיין פראבלעם איז אבער אז מיין ווייב איז זייער קעגן דעם, זי האט זיך אנגעהערט פון פארשידענע רעדנער אז ס'איז א סכנה צו געבן די וואקסינען, און אז דער גוף דארף קענען אליין זיך קריגן מיט אלע קרענק, און אזוי ווייטער.

איז מיין שאלה אויב ס'לוינט זיך צו ריזיקירן דעם שלום בית און געבן וואקסינען פאר די קינדער הונטער איר רוקן, אן איר רשות? ווי אזוי דארף איך האנדלען אין אזא מצב?

א גרויסן יישר כח, אליעזר

## תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת וירא, ט״ז מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד אליעזר נרו יאיר.**

א אידישע שטוב דארף זיין געבויט אויף די תורה; אז מאן און ווייב פרעגן יעדע זאך וואס די דעת תורה איז - דעמאלט האט דער שטוב א קיום.

א שטוב וואס פירט זיך נישט מיט דעת תורה ווערט חרוב ביים סוף; כאפ אן א דוגמא וויפיל שטובער ווערן חרוב צוליב דעם וואס מאן און ווייב זענען נישט פאראייניגט ווי אזוי צו מחנך זיין די קינדער, דער מאן קומט פון איין סארט שטוב, די פרוי קומט פון גאר אן אנדערע סארט שטוב און ביידע האלטן אז זיי ווייסן און פארשטייען בעסער פונעם צווייטן. מען באשולדיגט זיך כסדר, יעדע פראבלעם וואס
~~~~~~~~~~~

מען האט לייגט מען אויפן צווייטן; ווען די פאר-פאלק וואלט ווען געהאט א מורה דרך, א דיין אדער א רב וכו' וואס זאל זיי מדריך זיין ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט די קינדער וואלטן זיי זיך נישט געקריגט א גאנץ לעבן.

דיין שאלה הייבט זיך נישט אן יעצט בענין וואקסינען - צי דו זאלסט געבן וואקסינען צי נישט, דו האסט נאך צענדליגער זאכן וואס דו האלסט אזוי און זי האלט פארקערט און איר קענט זיך נישט אויסקומען וכו'; איז די בעסטע זאך אז ביידע פון אייך זאלן אננעמען וואס אייער רב זאגט, אזוי וועט איר זיך נישט דארפן קריגן א גאנצן טאג, איר וועט לעבן בשלום ובשלוה.

איך שרייב דיר נאכאמאל וואס דער רבי האט געזאגט און וואס מוהרא"ש האט געהאלטן; דער רבי האט געזאגט: אפילו אינמיטן ווינטער ווען עס איז זייער קאלט (אין אוקריינא אין א געוועגליכן ווינטער, גייט אראפ דער גראד ביז אונטער זירא, עס קען אפילו אראפ גיין ביז דרייסיג דעגרי אונטער זירא) דארף מען נעמען די קינדער צום דאקטער זיי צו געבן שאטס, און ווער עס געבט נישט קיין שאטס פאר די קינדער איז א רוצח (עיין בספר אבניה ברזל, סימן לד).

מיר ווייסן אז דער רבי האט זייער געווארנט מען זאל אכטונג געבן פון דאקטורים וכו' (עיין שיחות הר"ן, סימן נ); מיט דעם אלעם האט ער געהייסן אז מען מוז געבן פאר יעדעס קינד שאטס.

דאס האט דער רבי נאך געזאגט פאר צוויי הונדערט יאר צוריק ווען די מעדעצינען זענען נאך נישט געווען אזוי פארגעשריטן ווי היינט; דערפאר טאר מען נישט זיין קיין אויבער חכם, נאר מיר דארפן פאלגן דעם רבי'ן און געבן שאטס פאר די קינדער ווען זיי זענען נאך קליין אז זיי זאלן געראטעוועט ווערן פון אלע מחלות און שלעכטע קרענק. ליידער זענען דא מענטשן וואס ווערן פארפירט פון נארישע מענטשן וואס האלטן דרשות וכו' און מען דערשרעקט עלטערן אז מען זאל נישט גיין צו דאקטורים וכו', מען שרעקט אן מענטשן אז מען זאל נישט געבן קיין שאטס פאר די קינדער וכו'.

וואויל איז דער מענטש וואס לייגט אוועק זיין שכל און פאלגט וואס די תורה זאגט בתמימות ופשיטות.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## וויפיל דארף מען תשובה טון? וואס זענען מנהגים ביים זיך ארייניצען אין א נייע דירה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק און בריוו, ספעציעל פאר די סארט בריוו וואס איז שווער צו ענטפערן ברבים, דאס געבט מיר פיל כח און חיזוק אנצוגיין אין לעבן, און איך נעם ארויס אסאך עצות פאר מיין פערזענליכן לעבן.

איך האב געוואלט פרעגן אויב איינער איז דורכגעפאלן מיט אן עבירה, און ער האט שוין תשובה געטון און געזאגט תיקון הכללי, דארף ער נאך ווייטער האלטן אין איין תשובה טון אויף דעם? אדער זאל ער אינגאנצן אויפהערן טראכטן פון דעם, ווייל דער אייבערשטער האט אים שוין זיכער מוחל געווען.

איך האב געוואלט וויסן אויב ס'איז דא אין ברסלב געוויסע מנהגים זיך צו פירן ווען מ'ציעט זיך אריין אין א נייע דירה.

א גרויסן יישר כח, יודל

### תשובה:

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת וירא, י"ז מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד יודל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

תשובה איז נישט א זאך וואס מען טוט איין מאל און געענדיגט, נאר מען דארף שטענדיג תשובה טון פונדאסניי. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ו', אות ג): "וְצָרִיךְ לֶאֱחֹז תָּמִיד בְּמִדַּת הַתְּשׁוּבָה", מען דארף שטענדיג תשובה טון, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי כ, ט): "מִי יֹאמַר זִכִּיתִי לִבִּי טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי", ווער קען זאגן: "מיין הארץ איז ריין פון עבירות"? דערפאר דארף א מענטש שטענדיג תשובה טון; עס איז כדאי דו זאלסט לערנען דעם תורה ווערסטו זען דאס גרויסקייט פון א מענטש וואס לעבט זיין גאנץ לעבן מיט תשובה.

מיר קענען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון תשובה; די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן אונז (ברכות לד:): "מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִין יְכוֹלִין לַעֲמֹד בּוֹ", צדיקים קענען נישט אנקומען אזוי הויך ווי די מענטשן וואס טון תשובה קומען אן; נאך זאגן חז"ל (פסיקתא דרב כהנא): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא

עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", תשובה איז אזוי גרויס, אז ווי נאר א מענטש טראכט נאר פון תשובה - ער וויל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, קומט ער גלייך אן צום כסא הכבוד; דעריבער ציטערט דער ס"מ זייער שטארק פון א מענטש וואס טוט תשובה, ער ווייסט אז אפילו דער מענטש זאל האבן געטון וואס ער האט געטון, אויב זאגט פארן אייבערשטן: "רבונו של עולם, חטאתי, איך האב געזינדיגט", און ער האט חרטה אויף זיינע מעשים נעמט אים דער אייבערשטער גלייך צוריק אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עיין במדבר רבה כ, טו): "בִּלְעָם הָיָה רָשָׁע עָרוּם, וְיוֹדֵעַ שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי, אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", ווען בלעם האט געזען ווי דער מלאך שטייט פאר אים מיט א שווערד און וויל אים הרג'ענען האט ער גלייך געזאגט: "חָטָאתִי", ווייל ער האט געוויסט דעם סוד אז ווער עס איז זיך מתודה און זאגט: "חָטָאתִי" קען אים קיינעם נישט שלעכטס טון, אפילו א מלאך קען אים נישט אנרירן, דעריבער האט ער גלייך ארויסגעזאגט דעםווארט "חָטָאתִי", אז דער מלאך זאל אים נישט קענען שלעכטס טון.

וועגן דעם רעדט דער ס"מ איין דעם מענטש: "וואס דארפסטו תשובה טון?" "וואס האסטו אז דו וועסט תשובה טון?", אדער זאגט ער פארן מענטש: "דו האסט שוין תשובה געטון, עס פעלט נישט אויס נאכאמאל תשובה צו טון", אלעס נאר ווייל ער האט מורא אז דער מענטש וועט תשובה טון.

דעריבער זאלסטו זיך שטארקן און אנהייבן יעדן טאג פונדאסנייע תשובה צו טון; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סב): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", מען דארף שטענדיג אנהייבן פונדאסנייע, נישט אלט ווערן און טראכטן איך האב שוין תשובה געטון.

דער רבי האט זייער משבח געווען דעם הייליגן רבי זושא זכותו יגן עלינו, דער רבי האט געזאגט אז דער רבי ר' זושא איז ארום געגאנגען צוויי און צוואנציג יאר ברציפות מיטן זעלבע ברען צום אייבערשטן; בדרך כלל ווען א מענטש הייבט אן דינען דעם אייבערשטן הייבט מען אן מיט א ברען און נאכדעם פאלט מען אראפ וכו' אבער דער הייליגער צדיק איז ארום געגאנגען מיטן זעלבן ברען פאר צוויי און צוואנציג יאר.

בנוגע וואס מען זאל טון ווען מען ציט זיך אריין אין א נייע דירה וכו'; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בית, סימן יג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִכָּנֵס לְבַיִת לָדוּר בְּתוֹכוֹ, יֹאמַר הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, וְאַחַר כָּךְ יִכָּנֵס לָדוּר בְּתוֹכוֹ", ווער עס גייט וואוינען אין א נייע דירה - זאל זאגן די גאנצע תורה און נאכדעם זיך אריין ציען דארט; זע צו לערנען אין שטוב, גיי נישט ביינאכט אין שול, א אינגערמאן וואס וויל באמת לערנען דארף נישט קיין כולל, ער קען זיצן ביי

זיך אין שטוב ביינאכט און צופרי לערנען זיינע שיעורים כסדרן (אינמיטן טאג איז נישט כדי צו זיצן אין שטוב), ביז א קורצע צייט קען מען מסיים זיין כל התורה כולה.

אז דו וועסט לערנען תורה אין שטוב וועסטו האבן הצלחה, שלום בית און נחת פון דיינע קינדער; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בית, סימן ט): "כָּל בַּיִת שֶׁנִּשְׁמָעִין בּוֹ דִּבְרֵי תוֹרָה, שׁוּב אֵינוֹ נֶחֱרַב", א הויז וואס מען הערט דארט א קול תורה וועט נישט חרוב ווערן.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט נאר מאכן שמחות.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~